ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

# 74

רעדאַקטאָר:

**מאַרק טורקאָוו**

פאַרלאַגס-לייטער:

**אברהם מיטלבערג**

מ. פײגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך.

ד ר. א. מ ו ק ד ו נ י

# אויסלאַנד

(מיינע באַגעגענישן)

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס 1951

10

# דר. יעקב מאיר זאַלקינד

די סטודענטישע קאָלאָניע אין בערן האָט בלויז פון אויסן אויסגעזען ווי איין מאַסע פון יונגע מענער און פרויען, וואָס איז באַנומען פון אַ גוואַלדיקן דראַנג צו בילדונג, און דער דאָזיקער דראַנג האָט זיי אַלעמען פאַראייניקט און צונויפגעגאָסן אין איין מאַסע.

דאָס איז געווען אַן אויבערפלעכלעכער קוק.

באַלד האָט איר איינגעזען, אַז די סטודענטישע קאָלאָניע איז צעריסן און צעפליקט אין פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך, אין גרופּקעלעך און אין קרייזלעך.

און געווען גרופּן, וואָס פלעגן זיך קיינמאָל גאָרנישט באַגעגענען מיט די אַנדערע.

אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט זענען זיי געווען דורך פּאַרטייאישע, אָדער אידעאָלאָגישע ווענט איינע פון די אַנדערע, אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט זענען זיי געווען לויט זייער סאָציאַלן און עקאָנאָמישן שטאַנד.

געווען רייכע קינדער פון רייכע עלטערן, וואָס פלעגן לעבן אין רחבות און האָבן קיין מגע ומשא נישט געהאַט מיט די איבעריקע אָרעמע און פרום־פּאַרטייאישע סטודענטן, אַט ריכטיק ווי זייערע טאַטעס און מאַמעס אין די פאַרשידענע שטעט אין רוסלאַנד האָבן נישט געהאַט קיין שום מגע ומשא מיט די אָרעמסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג און מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דער אמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די צאָל פון אַזעלכע בורזשואַזע סטודענטן איז געווען קליין, גראָד די קינדער פון די רייכע פלעגן צופאַלן צו דער מערהייט פון די אָרעמע און רעוואָלוציאָנערע סטודענטן מיט אַ גרויסער פרומקייט און איבערגעגעבנקייט.

שטאַרקער און בייזער זענען געווען די פּאַרטיי־דיפערענצן, זיי פלעגן ממש אוועקשטעלן אייזערנע ווענט צווישן איין גרופּע סטודענטן און דער אַנדערער.

ציוניסטן פלעגן ממש קיין מגע ומשא נישט האָבן מיט די סאָציאַליסטישע סטודענטן, ווייל דער גרעסטער טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער

סטודענטנשאַפט איז געווען עקסטרעם אַסימילאַטאָריש, זיי האָבן גערעדט בלויז רוסיש, געלעבט מיט דער רוסישער קולטור און מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען.

אַט די פרומע אַסימילאַטאָרישע סטודענטן האָבן אַרויסגערופן אַ שאַרפע רעאַקציע ביי די נאַציאָנאַליסטישע, אָדער ציוניסטישע סטודענטן, און אויף צו להכעיס, אויף צעפּיקעניש די אַסימילאַטאָרן זענען זיי געוואָרן עקסטרעם נאַציאָנאַליסטיש.

איך האָב אין בערן געטראָפן אַפילו אַ שלאַגנדיקע קאָרפּאָראַציע פון נאַציאָנאַליסטישע יידישע סטודענטן אויף דעם שטייגער פון די דייטשישע פּאַטריאָטיש־מיליטעריש־יונקערישע קאָרפּאָראַציעס.

די קאָרפּאָראַנטן בכלל זענען געווען סטודענטן, וואָס פלעגן אָפט דועלירן מיט אַנדערע, קעגנערישע סטודענטן, צוליב נישטיקע סיבות, סיבות וואָס מען גייט זיי פאַרביי אין טאָג־טעגלעכן לעבן און מען שטעלט זיך גאָרנישט אָפּ אויף זיי.

אַזוי, למשל, קען אַ דייטשישער שלאָגנדיקער קאָרפּאָראַנט זיך אַ שטעל טאָן און מיט רוגזה אַ פרעג טאָן אַן אַנדער סטודענט, וואָס האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אויף אים:

— וואָרום פיקסירען זי מיך?

דאָס הייסט — פאַרוואָס קוקט איר מיך אָן?

אָנקוקן אַ סטודענט — קאָרפּאָראַנט, אָדער „פיקסירן" אים, איז געווען אַזאַ באַליידיקונג, וואָס האָט געקאָנט פירן צו אַ דועל אויף שפּאַגעס, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ שניט, אָדער אַ טיפן קראַץ אויפן פּנים.

דער דאָזיקער שניט, אָדער קראַץ מוז לאָזן נאָך זיך אַ שאַרפן סימן אויפן פּנים אויפן גאַנצן לעבן, אָט דער סימן פון אַ שניט איז דער שטאָלץ פון דעם יונגן דייטש אַליין, דאָס איז דער שטאָלץ פון זיין פאָטער און מוטער און דאָס איז דער שטאָלץ פון זיין מיידל, שפּעטער כלה און פרוי.

דאָס איז דער קלאָרער באַווייז פון זיין מוט, פון זיין קוראַזש, עס איז אויסגעקריצט אויף זיין פּנים.

אָט די דאָזיקע סטודענטישע קאָרפּאָראַציעס טראָגן אין געוויסע יום טוב טעג געפּאַרבטע היטעלעך, געפּאַרבטע לענטעס, גלאַנציקע שטיוול און פעכט־שווערדן.

זיי מאַרשירן ווי סאָלדאַטן.

זיי האָבן זייערע אָפיצירן, וואָס פירן די קאָמאַנדע, זיי האָבן זייערע „קנייפעס", שענקלעך, וווּ זיי קומען זיך צונויף טרינקען ביר בציבור, זינגען סטודענטישע און פּאַטריאָטישע לידער, זיי האָבן זייער מיידל, וואָס טראָגט דעם אוניפאָרם פון דער באַטרעפנדיקער קאָרפּאָראַציע, דאָס דאָזיקע מיידל איז אין די מערסטע פאַלן א קעלנערין אין א שענקל, אָדער אַן אַנדער מיידל.

דאָס מיידל דאַרף די קאָרפּאָראַציע האָבן ראשית, ווייל זיי זענען יונגע מענטשן און דאַרפן האָבן די גענוס־שאַפט פון פרויען, צווייטנס דאַרפן זיך די סטודענטן פּראַקטיצירן די ריטערלעכע באַציאונג צו דער פרוי לויט די אַלטע טראַדיציעס פון מיליטאַריזם.

און די קאָרפּאָראַציעס זענען אייגנטלעך מיליטאַריסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין די אוניווערזיטעטן.

און היות ווי א באַלעבאַטיש מיידל וועט פאַר קיין פאַל נישט ווערן קיין קאָרפּאָראַציע־מיידל, איז באין־ברירה פאַרנעמט דעם דאָזיקן זייער בכבודיקן פלאַץ א קעלנערין.

פּונקט אַזאַ יידישע מיליטאַריסטיש־נאַציאָנאַליסטישע קאָרפּאָראַציע האָב איך אָנגעטראָפן מאַרשירנדיק איבער די בערנער גאַסן.

און עד היום רויטלט זיך מיין געזיכט פון בושה, ווען די ערשטע באַגעגעניש מיט אַזאַ נאָכקרימעניש ווערט אויפגעלעבט אין מיין זכרון.

דאָס איז זיכער געווען א צו־להכעיס די רעוואָלוציאָנערע און אַסימילאַטאָרישע סטודענטן, אָבער א צו להכעיס סוף־כל־סוף מער קעגן זיך אַליין ווי קעגן אַנדערע, די יידישע סטודענטן־קאָרפּאָראַציע און די מיטגלידער האָבן אויסגעזען אויסערסט קאָמיש, אַז אפילו די ערנסטע און סאָלידע שווייצער פלעגן זיך צעלאַכן זעענדיק די דאָזיקע קאָרפּאָראַציע מאַרשירנדיק אין פאַרביקע היטעלעך און לענטעס און מיט פעכט־שווערדן.

דער קאַפּיטאַן פון דער דאָזיקער יידישער שלאָגנדיקער קאָרפּאָראַציע איז געווען דער שפּעטערער ד"ר מאיר יעקב זאַלקינד, דער ראבאי, שפּעטער דער אַנאַרכיסט און נאָך שפּעטער דער איבערזעצער פון צוויי מסכתות פון תלמוד, און וואָס איז געשטאָרבן אין ארץ־ישראל.

דער דאָזיקער זאַלקינד איז געווען קורץ, ברייט־ביייניק, מיטן שווערן טראָט פון א בער, ער האָט געטראָגן א באָרד, א בלאָנדלעכע, אָבער צעפּאַטלטע, א פאַרלאָזענע און א צעטומלטע.

זאַלקינד אין א פאַרביק היטל אויפן שפּיץ פון קאָפּ, א פאַרביקע

לענטע אויפן שטייגער פון הויף־פּאַרדינטע דיפּלאָמאַטן און מלכים, אַ אָן לאַקירטע שטיוול און מאַרשירנדיק מיליטעריש מיט אַלע מאַנירן פון אַ יונקערישן קאָרפּאָראַציע־פּירער, איז געווען דאָס קאָמישסטע בילד, וואָס מען קען זען אין לעבן.

צו דער קאָרפּאָראַציע האָבן געהערט דער פאַרשטאָרבענער באַקאַנטער אין אַמעריקע ד״ר ש. מלמד א. א.

צו דער קאָרפּאָראַציע האָבן געהערט מייסטנס סטודענטן, וואָס האָבן קיין רוסיש נישט גערעדט, סטודענטן ישיבה־בחורים און אַ טייל סטודענטן, וועלכע מען האָט גערופן „די פראַנקפורטער״, דאָס זענען געווען אָרעמע סטודענטן, וואָס האָבן שטודירט און געלעבט פון סובסידיעס, וואָס די פרומע פראַנקפורטער יידן פלעגן זיי געבן מיטן תנאי, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן יידישקייט אין אַלע פּרטים.

אַרום און אַרום האָט זיך באַקומען, אַז די שלאָגנדיקע יידיש־נאַציאָנאַליסטישע קאָרפּאָראַציע איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע דווקא פון שלים־מזלדיקע סטודענטן.

בלויז עטלעכע גאָר בריהשע סטודענטן, אָבער נישט קיין רוסישע לויט זייער בילדונג און זייער דערציאונג זענען אריינגעפאַלן אין איר.

ד״ר זאַלקינד איז שוין גאָר קיין שלים מזל נישט געווען, אָבער ער איז בטבע געווען אַ צו־להכעיסניק.

ער איז געווען אַ זייער פּעאיקער. ער האָט געקענט גוט לערנען, ער האָט געקענט פילאָזאָפיע, ער איז געווען דורכאויס יידיש לויט זיין מענטאַליטעט, אָבער ער האָט כסדר געשפילט קעגן עמיצן אַ צו־להכעיס, אָבער דער צו־להכעיס האָט דעם עמיצן קיינמאָל נישט אָנגערירט, דער צו־להכעיס האָט אָנגערירט כסדר אים אַליין, ער האָט אים געמאַכט לעכערלעך, ער האָט אים געוואָרפן אין די אָרעמס פון אידעאָלאָגיעס, וואָס זענען געווען פרעמד זיין גאַנצן מהות, און צו שריפטשטעלערישע אַרבעטן פון וועלכע ער איז געווען הימל ווייט, און נאָר אַ דאַנק זיינע גרויסע פעאיקייטן האָט ער זיי גובר געווען.

נאָכן ענדיקן זיין שטודיום אין בערן, ווי אַ דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ פאַרמעגלעכער אלמנה אין ענגלאַנד, ער ווערט אַ ראַבאַי אין אַ קליינער קאָנגרעגעישאָן ערגעץ אין ענגלאַנד.

און אַליץ איז געגאַנגען גוט, כשורה.

נישטאָ קעגן וועמען צו שפּילן אַ צו־להכעיס.

נישטאָ . . .

און באַין ברירה ווערט ער אַ סטאַטעטשנער ראַבאַי, פאַרשטייט זיך, אָן די גלחישע מאַנירן, ער איז אַ ראַבאַי, וואָס קען לערנען, ער איז אַ ראַבאַי אַ פּילזייטיק געבילדעטער, ער איז אַ ראַבאַי און אַ גוטער און אויסגעהאַלטענער ייד.

אָבער אפּנים לעבן אין שלום און אין שלווה נישט טוענדיק עפּעס עמיצן אויף צו־להכעיס, אויף צעפּיקעניש, האָט ער נישט געקענט, האָט זיך עפּעס פאַרטשעפּעט ביי אים אין דער קאָנגרעגעישאָן, אַ קליינע ניט־וויכטיקע פאַרטשעפּעניש, וועלכע יעדער מענטש האָט אַ טוץ אין טאָג און פרעסט זיי אויס, אָבער נישט ד"ר זאַלקינד.

פון דער קליינער פאַרטשעפּעניש איז געווען אַ גרויסע מחלוקת און פון דער מחלוקת איז געוואָרן אַ ריס, אַזאַ ריס וואָס האָט אים פאַרשלייַ־דערט אין אַן אידעאָלאָגיע, צו וועלכער ער האָט זיין גאַנץ לעבן די מינד־סטע שייכות נישט געהאַט, אַן אידעאָלאָגיע, פון וועלכער ער איז געווען ווייט זיין גאַנץ לעבן ווי מזרח איז ווייט פון מערב.

ער פאַרטשעפּעט זיך אין דער צייט פון דער ערשטער מלחמה מיט דער ענגלישער רעגירונג אין דער פראַגע פון מאָביליזירן רוסישע בירגער.

הכלל, ער גייט אַוועק פון רבנות און ווערט אַן אַנאַרכיסט.

ער הויבט אָן מיטצואַרבעטן אין דער אַנאַרכיסטישער פרעסע.

פּעאיק איז ער, קריגעריש איז ער און ער ווערט אַ גלענצנדיקער אַנאַרכיסטישער שרייבער.

אָבער ביסלעכווייז ווערט זיין צאָרן אָפּגעקילט ביז ער לעשט זיך אינגאַנצן אויס, און מיט דער אויסלעשונג פון זיין צאָרן ווערט אויך אָפּגעשוואַכט זיין צו להכעיס־שפּיל, ער גייט אַוועק פון אַנאַרכיזם און ער באַזעצט זיך אין ארץ ישראל, און דאָרט איז ער געשטאָרבן.

אָבער פון דעם דאָזיקן קורצן פּעריאָד טראָגט ער אַוועק מיט זיך אַ ליבע צו יידיש, אַ ליבע אויף די עלטערע יאָרן, ווייל אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער מיט יידיש גאָרנישט געהאַט צו טאָן, ער האָט באַקעמפט יידיש.

די בערנער שלאָגנדיקע יידישע סטודענטישע קאָרפּאָראַציע, וואָס האָט געהייסן „קדימה", איז געווען דורכאויס אַ העברעאיש־אָרטאָדאָק־סישע.

און שוין נישט קיין יונגער מענטש נעמט ער זיך צו איבערזעצן דעם תלמוד אויף יידיש.

ער באַוויזט בלויז צו איבערזעצן די מסכת ברכות און סדר זרעים.

עס איז אַ גוטע איבערזעצונג, ער איז אַ קענער פון תלמוד. ער איז אַן אייביקער לערנער פון תלמוד און דאָס קוואַליפיצירט אים דורכאויס פאַר דער גרויסער אַרבעט.

אין ארץ ישראל צייכנט ער זיך נישט אויס מיט קיין טעטיקייט, ער איז דאָרט, אַזוי גוט, ווי אַ זייטיקער.

און ער שטאַרבט ווי אַ זייטיקער.

דער עקשן, דער צו־להכעיסניק, דער קריגערישער מענטש, דער מענטש פון גרויסע פעאיקייטן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געפונען די ריכטיקע באַשערטע פאַרווענדונג, שטאַרבט עפּעס איינזאַם.

ד"ר י. מ. זאַלקינד איז געווען אין תוך אַ טיף־ערלעכער מענטש, אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט פון קיין פּשרות, אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט תציו שלי וחציו שלך, אַ מענטש בטבע אַ קעמפער, וואָס איז עפּעס דורך אַ פּסיכאָלאָגישן פּלאָנטער געוואָרן בלויז אַ צו להכעיסניק, בלויז אַן איפּכא־מסתבראניק.

ער האָט געקענט זיין אַ סיסטעמאַטישער קעמפער, אַן אויסגע־האַלטענער קעמפער. ער איז עס געווען לויט זיין טעמפּעראַמענט, לויט זיין עקשנות און לויט זיין גאַנצן מהות.

אפילו אין דעם סאַמע ברען פון זיינע צו־להכעיסן פּלעגט ער זיין אין די צו־להכעיסן גופא שעפעריש.

* *

ד"ר יעקב זאַלקינד איז געווען אַן אמתער עלוי, ער האָט זיך גע־וואָרפן אין עקסטרעמען און קאָנטראַסטן, אָבער אין יעדן עקסטרעם און קאָנטראַסט איז ער געווען שעפעריש און אויפטוועריש, איך האָב אים באַ־געגנט אין בערן ווי אַ קעמפערישן אָרטאָדאָקסישן ייד, אַ ייד, אָרטאָדאָק־סיש־פרום, אַ ייד, וואָס היט אָפּ כשרות מיט דער גרעסטער שטרענגקייט.

די יידישע סטודענטישע שלאָגנדיקע קאָרפּאָראַציע „קדימה", וואָס ער האָט אָרגאַניזירט און געפירט, איז געווען אָרטאָדאָקסיש, אַ כשרות אָפּהיטנדיקע און אַ קעמפעריש פרומע.

ער איז געווען אַן אמתער עלוי, ער האָט אַ סך שעפערישע ארבעטן געלאָזן נישט פאַרענדיקטע, ער איז געווען אַ פילאָלאָג און אַ פילאָזאָף, ער זאָל האָבן געקענט 30 שפּראַכן, אָבער יידיש און העברעאיש זענען געווען זיינע מוטער־שפּראַכן, ער האָט געשריבן אין דייטש, אין ענגליש און אין אַנדערע שפּראַכן.

ער האָט געשריבן פילאָזאָפישע און היסטאָרישע ווערק.

ער האָט געשריבן סאָציאַל־פּאָליטישע ווערק און רעדאַקטירט אַנאַרכיסטישע שריפטן און צייטונגען, אין זיין אַנאַרכיסטישן פּעריאָד.

ער האָט געשריבן קינדער־פּיעסן אין יידיש און אין העברעאיש.

ער האָט אַרויסגעלאָזן פּאָלעמישע אַנאַרכיסטישע בראָשורן.

ער האָט אַרויסגעלאָזן ציוניסטיש־אויפקלערערישע בראָשורן.

ער האָט געטון צענדליקער זאַכן, און איטלעכע זאַך איז געווען אין שאַרפער סתירה מיט דער אַנדערער זאַך.

ער האָט געשריבן צענדליקער ביכער, אָבער איטלעכס בוך איז געווען עפּעס אַ צו־להכעיס דעם אַנדערן בוך.

ער זאָל האָבן געקענט, ווי געזאָגט, 30 שפּראַכן, אָבער יידיש און העברעאיש האָבן כסדר געשפּילט אַ צו־להכעיס שפּיל, דאָ איז ער געווען אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער העברעער און דאָ אַ יידישיסט.

ער האָט געביטן שאַרף זיינע אידעאָלאָגיעס.

און איין אידעאָלאָגיע איז געווען אין שרייענדיקער סתירה צו דער אַנדערער.

ער איז געווען שטרענג־אָרטאָדאָקסיש פרום, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין בערן, און ער איז געוואָרן אַן אַנאַרכיסט און אַן אַנאַרכיסטישער שרייבער.

ער איז געווען ערלעך, אָפנהערציק און גראַדליניק, נישט קוקנדיק אויף זיין אָפטער בייטעניש פון אידעאָלאָגיעס.

אָבער זיין ערלעכקייט איז געווען עפּעס אַ שטעכעדיקע, אַ בייסיקע און אויך אַ צו־להכעיסדיקע — דערפאַר וואָס איר זייט אַלע פאַלש און ליגנעריש, וועל איך אייך אויף צעפּיקעניש זיין ביטער אמתדיק און שטעכעדיק ערלעך.

אפילו מיט זיין באָרד, מיט זיין פאַרפּלאָנטערטער, ווילד־געוואַקסענער באָרד האָט ער געשפּילט צו־להכעיס.

ווייל אַלע סטודענטן זענען געווען אָן בערד, האָט ער געטראָגן אַ באָרד.

שפּעטער האָב איך געזען אַ פאָטאָגראַפיע פון אים, איז ער שוין געווען אָן אַ באָרד.

די באָרד איז געפאַלן דער ערשטער קרבן פון דעם אַנאַרכיזם, צו וועלכן ער האָט זיך באַקערט.

דער עלוי האָט אַלץ געקענט און פאַר אַלץ זיך גענומען.

ער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין יאָר 1900. געשריבן האָט ער בעלעטריסטיק, פּאָליטישע אַרטיקלען, טעאַטער־שטיק, איבערזעצונגען א. אַ. וו.

ער האָט געדרוקט זיינע שאַפונגען אין פאָלגנדיקע שפּראַכן — אין העברעאיש, יידיש, דייטש, רוסיש, ענגליש, פראַנצויזיש און שפּאַניאָליש.

ער האָט אין יאָר 1916, אין דער צייט פון מלחמה, רעדאַקטירט אַ וואָכנבלאַט „יידישע שטימע", אַ שאַרף אַנטי־מיליטאַריסטיש וואָכנ־בלאַט.

בלויז 13 נומערן זענען אַרויס פון דעם דאָזיקן טשעקאַוון וואָכנ בלאַט.

אַ חוץ אַנטי־מיליטאַריסטיש איז דאָס וואָכנבלאַט געווען שאַרף נאַציאָנאַל־ראַדיקאַל.

דריי יאָר איז ער דער רעדאַקטאָר פון דעם אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישן וואָכנבלאַט „דער אַרבעטער פריינד". ער האָט צווישן זיינע וואַרפעניש אין פאַרשידענע ריכטונגען זיך גענומען צו שרייבן אַ גאַר וויכטיק וויסנ־שאַפטלעך ווערק, פון וועלכן עס זענען געדרוקט געוואָרן בלויז די ערשטע דריי קאַפּיטלען, עס איז „די געשיכטע פון די יידישע דרוקערייען", אין וועלכן עס האָט אויך באַדאַרפט אַריינגיין די געשיכטע פון דעם יידישן בוך־האַנדל און פון די יידישע ביבליאָטעקן.

ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ סידור פאַר שולן מיט היסטאָרישע און גראַמאַטיקאַלישע באַמערקונגען און מיט אַן אַריינפיר וועגן דער גע־שיכטע פון סידור.

ער האָט אויך איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש מאָליערס „דער קאַר גער", און אָנגעשריבן אַ ביכל „די פילאָזאָפיע פון אַנאַרכיזם".

ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ „געשיכטע פון דער צענזור פון דער קירך אין דער אינקוויזיציע אויף יידישע ספרים".

די דאָזיקע אַרבעט האָט ער געשריבן אויף דעם גרונד פון אַ כתב־יד, וואָס געפינט זיך אין דער פּאַריזער ביבליאָטעק פון אַן אַלטן צענזאָר, אַ ייד פון צפת, אַ תלמיד פון אַ גרויסן מקובל, און דערנאָך אַ משומד.

אין דעם כתב־יד ווייזט דער משומד אָן וועלכע שטעלן אין יעדן ספר עס דאַרפן אויסגעמעקט ווערן.

דער גרעסטער אויפטו זיינער איז די איבערזעצונג פון מסכת ברכות און סדר זרעים, דער לעצטער איז נאָך נישט געדרוקט געוואָרן.

זיין איבערזעצונג איז אָן ספק אַ זייער קאָמפּעטענטע און אַ זייער לומדישע, אָבער דער יידישער לשון איז אָרעמלעך און בלאַס.

ער איז געווען מער אַ העברעאישער שרייבער ווי אַ יידישער.

און אפשר איז ער אינגאַנצן נישט געווען קיין שרייבער, נאָר וואָס קען נישט אַן עלוי ?

אַ יידישער עלוי קען אַלץ, ווייסט אַלץ און קען טאָן אַלץ.

אָבער געשטאָרבן איז ער אין ארץ ישראל.

אין די אַלע זיגזאַגן, אין אַלע וואַרפעניש פון איין עקסטרעם צו אַן אַנדערן, פון איין אידעאָלאָגיע צו אַן אַנדערער, איז ער דאָך געבליבן אין איין זאַך געטריי און אויסגעהאַלטן, ער איז געווען דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אַ ציוניסט און איז געשטאָרבן אַ ציוניסט אין ארץ ישראל.

פון די פיל עלויים, וואָס איך האָב געקאָנט, איז דר. יעקב מאיר זאַלקינד געווען דער אמתער עלוי און דעריבער דער אומגליקלעכסטער.

דער אמתער עלוי איז אַ שטיק אומרו, אַ מענטש, וואָס געפינט קיין אָרט אין לעבן, און ער בייט אָפט זיינע ערטער, זיינע גלויבנס, זיינע באַשעפטיקונגען און זיינע סימפּאַטיעס.

ער קען אַלץ און קען אייגנטלעך גאָרנישט.

ער ווייסט אַלץ און ווייסט אייגנטלעך אַזוי גוט ווי גאָרנישט.

ווען איך בין געקומען קיין בערן איז יעקב מאיר זאַלקינד געווען שוין אַן אַלטער סטודענט, אָבער איך האָב נאָך באַוויזן צו באַגעגענען זיך מיט אים, רעדן, דיסקוטירן און באַקענען זיך מיט אים ווי ווייט נאָר עס איז געווען מעגלעך.

יאָ, ער איז געווען אַן אמתער עלוי, דאָס הייסט, אַן אויסערסט פּעאיקער מענטש, זיין מוח האָט אַלץ געקענט איינזאַפּן אין זיך און זיין זכרון האָט אַלץ געקענט איינהאַלטן אויף שטענדיק, אָדער אויף אַ לאַנגער צייט.

אָבער ווי יעדער אמתער עלוי, וועמען אַלץ גיט זיך לייכט, אַן קיין שום אָנשטרענגונג, האָט ער זיך נישט געקענט אָפּשטעלן אויף אַ באַשטימטן וויסנשאַפטלעכן און ליטעראַרישן צווייג.

אָבער דער עיקר — ער האָט געהאַט גרויסע פעאיקייטן, אָבער קיין שום טאַלאַנט, טאַלאַנט האַלט דעם מענטשן צוגעבונדן צו אַ באַשטימטן צווייג פון דער וויסנשאַפט, אָדער קונסט.

דער עלוי ווערט צו קיין זאַך נישט צוגעבונדן, און דער סוף איז — ער קען אַלץ און קען קיין זאַך נישט גרינטלעך, ער קען אַלץ, אָבער ער איז נישט צוגעבונדן צו קיין זאַך.

דער אמתער עלוי איז אַ טראַגישע פּערזענלעכקייט, וואָס איז געבענטשט מיט גרויסע פעאיקייטן, אָבער פאַרשאָלטן מיט נישט־צוגעבונדנקייט און נישט־געטרייקייט צו אַלץ.

יעקב מאיר זאַלקינד האָט זיך יאָ געקענט צובינדן צו אַ געווויסער אידעאָלאָגיע, צו אַ געוויסן ליטעראַרישן צווייג, אָבער קיינמאָל נישט גענוג לאַנג, אַז עס זאָל ווערן זיין לעבנס־צוועק, זיין לעבנס־אידעאַל.

ווי אַן אמתער עלוי איז ער געווען באַנומען פון אַן אייביקער אומרואיקייט.

דער אומרו זיינער האָט אים געטריבן און געוואָרפן פון איין עקסטרעם צו דעם אַנדערן.

אָבער איין גרויסער כאַראַקטער־שטריך איז געווען אין אים און דאָס איז — ערלעכקייט.

ער האָט קיינמאָל נישט געטאָן אַ זאַך, אין וועלכער ער האָט נישט געגלויבט.

ער האָט געמוזט גלויבן, כדי צו טאָן עפּעס.

ער האָט אָפט געביטן זיין גלויבן, זיינע אידעאָלאָגיעס, אָבער אָן אַ גלויבן איז ער זיין גאַנץ לעבן נישט געבליבן.

אָן אַ גלויבן וואָלט ער אומגעקומען, דער אומרו וואָלט אים פאַרטראָגן אין הרי־חושך.

יעקב מאיר זאַלקינד איז געווען דער ערשטער טשעקאַוווער כאַראַקטער, וואָס האָט מיך פאַראינטערעסירט אין בערן, אין דער שטאָט, אין וועלכער דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס די יידיש־רוסישע יוגנט האָט פאַרמאָגט, האָט זיך געפונען.

כמעט יעדער איז געווען קאַנטיק מיט עפּעס און האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט עפּעס.

ד״ר י. מ. זאַלקינד איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיך פאַר־אינטערעסירט, ווייל ער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן מער ווי אַלע, ווייל ער איז געווען דער גרויסער צו־להכעיסניק אין דער פאַרביקער בעזר־נער סטודענטישער קאָלאָניע.

## 11

# טומלער און צנועים אין דער סטודענטישער קאָלאָניע

די יוגנט איז טומלדיק.

איז נאַטירלעך אַז אין א קאָלאָניע פון לויטער יונגע מענטשן זאָל זיין טומלדיק.

אָבער אין דעם טומל זענען אויך געווען שטילע און צניעותדיקע יונגע סטודענטן און סטודענטקעס, און גראָד די שטילע האָבן געשפּילט שפּעטער אַ גאַר קאַנטיקע ראָליע אין אונדזער פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן.

איך האָב זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט צוויי שטילע ממש צנועים־סטודענטן, איינער האָט געהייסן מ. גליקסאָן, שפּעטער ד״ר מ. גליקסאָן און אַ ביסעלע נאָך שפּעטער — דער רעדאַקטאָר פון „הארץ״ אין ארץ־ישראל, און דער צווייטער י. ווילקאַנסקי, שפּעטער א באַוווּסטער אַגראָ־נאָם און איינער פון די בעסטע פּובליציסטן אין דער ארץ ישראלדיקער פּרעסע אונטערן פּען־נאָמען א. ציוני.

ד״ר גליקסאָן איז געווען דער שטילסטער און דער צנועדיקסטער סטודענט אין דער קאָלאָניע; עפּעס האָט ער געהאַט סאַמעטענע טריט, אַ שטילע און זייער אַ קלאָרע שטים און אַ פרומער שמייכל האָט גע־שוועבט אויף זיינע ליפּן.

ער איז געווען רעליגיעז, ער האָט אָפּגעהיט שטרענג כשרות, אָבער קיינער האָט עס נישט באַמערקט. איך אַליין האָב אַ לאַנגע צייט עס נישט באַמערקט.